אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.







## אמרות שמשון

### חשיבות פון די דיבורים פון משה רבינו

***וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר*** (א, א). עס שטייט אין 'מדרש' (ויקרא א, ו) עס האט געבאדערט פאר משה רבינו אז גאנץ כלל ישראל האט געברענגט נדבות פארן משכן און ער אליינס האט גארנישט געברענגט, האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה רבינו: '**חייך שדיבורך חביב עלי יותר מן הכל, שמכולן לא קרא הדיבור אלא למשה, ויקרא אל משה**'. דיין רעדן - פון דיר משה - איז חשוב'ער פאר מיר, מער פון אלע נדבות פון כלל ישראל, אזוי עס שטייט אין פסוק 'ויקרא אל משה'.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, פון וועלכע דיבורים פון משה רעדט דער אויבערשטער? אזוי אויך דארף מען פארשטיין, דער מדרש ברענגט דער פסוק 'ויקרא אל משה' וואס דער אויבערשטער האט גערעדט 'צו' משה, ווי אזוי זעט מען פון דעם אז די רעדן 'פון' משה איז חשוב פארן אויבערשטער?

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין 'מדרש' (במדבר רבה יב, ט), משה רבינו האט זיך איבערגעגעבן מיט זיין גאנצע כח צו ווייזן פאר די חכמים וואס האבן געבויעט די משכן פונקטליך וואס צו טון און ווי אזוי עס צו מאכן, כדי זיי זאלן טון גענוי וואס דער אויבערשטער האט באפוילן.

**דאס** האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה רבינו, דיין רעדן צו די חכמים וואס האבן געבויעט די משכן איז חשוב'ער פון אלעס, אזוי ווי עס שטייט אין 'חז"ל' (בבא בתרא ט.), **גדול המעשה יותר מן העושה**, די מעשה וואס איז געטון געווארן לויט דיינע דיבורים און אנווייזונגען, איז חשוב'ער פון די וואס האבן דאס געבויעט.

**און** אלס שכר 'מדה כנגד מדה' (ווייל ער האט זיך איבערגעגעבן מיט זיין גאנצע כח צו רעדן צו די וואס האבן געבויעט די משכן), האט משה רבינו זוכה געווען דער אויבערשטער זאל רופן און רעדן צו אים אינעם משכן וואס ער האט געמאכט, אזוי ווי די תורה פאנגט אן: ***וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר***. (אות א')

### א הייליגע ארט איז מסוגל פאר קבלת התפילות

***וְסָמַךְ יָדוֹ עַל רֹאשׁ הָעֹלָה וְנִרְצָה לוֹ לְכַפֵּר עָלָיו*** (א, ד). דער ענין פון מאכן 'סמיכה' אויפן בהמה, איז געווען מען זאל זיך מתוודה זיין און מתפלל זיין פארן אויבערשטן, בפרט אין אזא הייליגע ארט ווי די בית המקדש, וואס פארמאגט א באזונדערע חשיבות צו דאווענען, און אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן.

**אזוי** ווי עס שטייט אין משנה (מסכת כלים פרק א' משנה ח'), די 'עזרת כהנים' אין די בית המקדש איז געווען מער הייליגער ווי די דרויסנדיגע 'עזרת ישראל', און א ישראל האט נאר געקענט אריינגיין אינעווייניג אין די עזרת כהנים, ווען ער האט מקריב געווען א קרבן און געדארפט מאכן סמיכה, שחיטה, און תנופה.

**די** מפרשים שטעלן זיך (עיי"ש בפי' הר"ע מברטנורא), פארוואס האט מען געדארפט אריינלאזן די ישראל אינעווייניג אינעם 'עזרת כהנים', מען וואלט געקענט מאכן די סמיכה און שחיטה אינדרויסן אין עזרת ישראל, און שפעטער וואלט מען דאס אריינגענומען אינעווייניג.

**נאר** דער פשט איז, וויבאלד סמיכה איז געווען א וידוי און תפילה וואס דער איד האט געדאווענט צום אויבערשטן, און ווי מער הייליג די פלאץ איז, איז עס מער חשוב און ראוי אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן. דעריבער האט מען געוואלט לאזן דער ישראל זאל קענען דאווענען אינעווייניג, כדי די תפילות זאל געדאווענט ווערן אין מער אן הייליגע ארט (און וויבאלד עס דארף זיין 'תכף לסמיכה שחיטה' די סמיכה מוז זיין ממש פארן שחט'ן, דעריבער האט מען שוין אויך גע'שחט'ן אינעווייניג). (אות ה' ד"ה ואח"כ ועיי"ש)




לכבוד פורים
לומדים
זרע שמשון
על מגילת אסתר
תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
02-80-80-500
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.


### די חשוב'סטע זאך איז תפילה

***אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה'*** וגו' (א, ב). עס שטייט אין חז"ל (ברכות לב:) 'אמר רבי אלעזר, גדולה תפילה יותר מן הקרבנות' (עיי"ש). לכאורה לויט דעם דארף מען פארשטיין פארוואס דאווענט מען יעדן טאג '***ונְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ***' (הושע יד, ג), אז אונזערע תפילות זאל ווערן גערעכנט פארן אויבערשטן אזוי ווי מען האט מקריב געווען קרבנות. אויב איז תפילה גרעסער פון קרבנות, אויב אזוי דארף מען שוין מער נישט די קרבנות, ווייל מען דאווענט, און די תפילות איז חשוב'ער.

**דער** פשט איז, ווען עמיצער טוט אן עבירה און ער וויל תשובה טון, דארף ער ברענגן א קרבן, וואס דערמיט וועט ער מאכן 'סמיכה' - ער וועט זיך אנלאנען אויף די בהמה - וואס דעמאלטס איז ער זיך מתודה און ער טוט תשובה אויף זיין עבירה, און ער דאווענט צום אויבערשטן ער זאל אים מוחל זיין, און דאס איז די חשוב'סטע זאך פון די קרבן, אז מען דאווענט און מען בעט צום אויבערשטן.

**און** די קרבן וואס מען ברענגט איז גורם אז דער מענטש זאל נתעורר ווערן צו דאווענען און תשובה טון אויף זיין עבירה. בפרט וואס עס איז געווען אין די הייליגע בית המקדש, וואס דארט איז די 'שערי שמים' וואס דער אויבערשטער הערט און איז מקבל די תפילות וואס מען בעט.

**דאס** איז וואס מען בעט 'ונשלמה פרים שפתינו', ווייל אונז ווילן קענען מקריב זיין קרבנות אינעם בית המקדש, וואס דאס איז זייער שטארק מעורר דער מענטש צו דאווענען, און בפרט אין בית המקדש וואס איז די מקום וואו דער אויבערשטער איז מקבל די תפילות, דעריבער בעט מען דער אויבערשטער זאל מקבל זיין אונזערע תפילות, אזוי ווי מען האט מקריב געווען א קרבן, און מען האט מתפלל געווען אינעם בית המקדש. (אות ה' ד"ה ואח"כ, ועיי"ש)

## המן צווינגט נישט, צו טרינקען ביים סעודת אחשורוש ♦ המן צווינגט זיך צו ביקען צום צלם ♦ מען זאל נישט קענען האבן א 'טענת אונס'

**וְהַשְּׁתִיָּה כַדָּת אֵין אֹנֵס כִּי כֵן יִסַּד הַמֶּלֶךְ עַל כָּל רַב בֵּיתוֹ לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ** (א, ח): חז"ל דרש'ענען פונעם פסוק: **לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ - כרצון המן ומרדכי**. המן האט נישט געוואלט צווינגען די אידן צו טרינקען וויין ביי סעודת אחשורוש אנטקעגן זייער ווילן.

**וויבאלד** המן האט געוואלט אז די אידן זאלן זיך נישט קענען שפעטער ארויסדרייען פון באקומען א עונש, מיטן אויסרייד אז זיי זענען געווען געצווינגען דאס צו טון. וויבאלד מען וועט זיי זאגן - קיינער האט נישט געצווינגען - ענק האבן דאס געטון מיט ענקער אייגענע ווילן.

**לכאורה** דארף מען דאס פארשטיין, מיר געפונען שפעטער אין די מגילה (ג, ב), אז 'המן' האט געצווינגען מען זאל זיך צו ביקען פאר אים. און ווי עס שטייט אין מדרש (אסת"ר ז, ה), די כוונה פון המן איז געווען אז די אידן זאלן זיך ביקען צו דער צלם וואס איז געהאנגען אויף אים (און מיט דעם עובר זיין די עבירה פון דינען עבודה זרה).

**שטעלט** זיך די קשיא, אויב האט ער פארשטאנען (ביי סעודת אחשורוש) אז מיטן צווינגען קען מען נישט באשטראפן כלל ישראל, פארוואס ווען עס איז געקומען זיך צו ביקען האט ער זיי יא געצווינגען?

**מען** קען דאס ערקלערן בדרך פשט, המן האט געהאלטן וויבאלד זיי האבן געטרינקען וויין ביי סעודת אחשורוש, און עובר געווען אויפן רצון ה', ווען זיי זענען נישט געווען געצווינגן דערצו.

**נאָכדעם** וועט שוין מער נישט העלפן די טענה אז זיי זענען געווען געצווינגען. דעריבער האט זיך המן ערלויבט צו צווינגען כלל ישראל זיך צו ביקען צו אים און נישט חושש געווען אויף 'טענת אונס'. (מגילת אסתר אות ג')

## א טעם אויפ'ן מנהג כלל ישראל צו עסן "אזני המן" (המן טאשן) אין פורים

**מיר** געפונען אין זרע שמשון אויף מגילת אסתר (אות כ"א), א שיינע טעם אויפן מנהג כלל ישראל צו עסן פורים אזני המן - המן טאשן. וואס איז ווארשיינליך פון די ערשטע מקורות וואס מ'טרעפט אויף דעם מנהג ישראל תורה.

**ודרך צחות יש ליתן טעם למה נהגו כל ישראל לעשות ביום פורים אזנים של המן מתוקים** - מ'קען אנגעבן א טעם בדרך צחות, פארוואס איז איינגעפירט אין כלל ישראל צו עסן המן טאשן, פארוואס מאכט מען דווקא א זכר פון די אויערן און נישט די אויגן אדער מויל? אויך דארף מען פארשטיין פארוואס מאכט מען דאס זיס, ווי אזוי קען זיין א אבר פון המן הרשע וואס איז כל כולו פארשאלטן און ביטער?




**מ'קען** דאס מסביר זיין לויט ווי עס שטייט אין פסוק **שמעו ותחי נפשכם**. און עס שטייט אין חז"ל (שמו"ר כז, ט), **הכל תלוי באוזן, מי שמטה אזנו לשמוע דברי תורה ותוכחות יש לו חיים** - דאס לעבן פון א מענטש ווענד זיך וואס ער הערט, אויב לייגט ער צו א אויער צו הערן דברי תורה ודברי תוכחות, דאן האט ער א ריכטיגע לעבן, ווי עס שטייט אין פסוק (משלי טו, לא), **אוזן שומעת תוכחות "חיים"**.

**כלל** ישראל - ביז די צייט פון המן הרשע האט נישט צוגענייגט א אויער צו הערן און מקבל זיין דעם דבר ה', אבער נאכ'ן נס האבן זיי מקבל געווען אויף זיך עול התורה - **קימו וקבלו היהודים**, און דאס האט געברענגט גוט'ס אויף כלל ישראל, דאס איז פשט אין דער מנהג צו מאכן "המן טאשן" וואס איז זיס, און דאס איז נישט מרמז אויף די אויערן פון המן הרשע ממש, נאר אויף די אויערן פון כלל ישראל וואס המן האט זיי צוגעברענגט אז זיי זאלן צולייגן א אויער און אויסהערן וואס שטייט אין די תורה, דערפאר הייסט עס אזני המן און מ'עסט עס זיס, און רבינו הזרע שמשון איז מסיים וז"ל **ומנהג ישראל תורה היא, תורה היא ממש!** (זרע שמשון מגלת אסתר אות כ"א)

## מנהג צו זיין וואך גאנץ פורים נאכט

**רבינו** ברענגט אן אינטערעסאַנטע מנהג צו בלייבן אויף דאס גאנצע נאכט פון פורים, און דאנקן און לויבן דער באשעפער אויף די אלע ניסים און חסדים וואס ער האט געטון מיט אונז:

**וזה** לשונו (מגילת אסתר אות י'): ולפי שנדדו שינה מעיניהם בשעת הגזירה, בלילה ההוא נדדו שנת המלך, נדדו עליונים ותחתונים (מגילה טו, ב), **משום הכי אנו יושבים נעורים באלו הלילות בשמחה ובששון**, עכ"ל.

**(איבערזעצונג)**: אלץ א זכר צו דעם וואס כלל ישראל אין די צייט פון המן, זענען געווען וואך א גאנצע נאכט צו דאווענען צום באשעפער ער זאל צושטערן די פלענער פון המן הרשע.

**אויך** איז דאס א זכר וואס אחשורוש האט נישט געקענט שלאפן. און אלץ זכר וואס עליונים ותחתונים האבן נישט גערוט צוליב די גזירה וואס האט געשוועבט אויף כלל ישראל.

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לברכה ולהצלחה

צבי יצחק דוב בן גיטל חיה
וזוגתו
מרים סאבל בת אסתר
ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

ברכה והצלחה

דניאל אורי בן רג'ינה מלכה
שיזכה לשפע ברכה והצלחה בכל העניינים ולהשלמת העסקה השבוע

להצלחה בעסקיו

רפאל דוד בן נעמי
הודיה לה' על הישועה ובקשה על העתיד להצלחה גדולה בפרנסה בלי דאגה

לזכר נשמת

מרן שר התורה
רבי שמריהו יוסף חיים בן הגה"ק רבי יעקב ישראל
זצוקללה"ה
אשר העיד כי הלימוד בספר זרע שמשון סגולה בדוקה
נלב"ע ט"ו אדר ב' תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה.

לזכר נשמת

הגה"ק רבי אלכסנדר זיסקינד ב"ר משה זיע"א
בעל 'יסוד ושורש העבודה'
אשר הבטיח להיות מליץ טוב בתמידות בעד מי שיקבע לימוד יומי בספרו
נלב"ע ח"י אדר ב' תקנ"ד
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת

יעקב בן מזל טוב
נלב"ע י"ד אדר תשע"ג
ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת

רבי מיכאל רפאל בן נובר בכורה ז"ל
נלב"ע טוב אדר תשס"ו
ת.נ.צ.ב.ה.

**בימי הפורים תורמים למען זרע שמשון וזוכים לישועות**

**02-80-80-500 * 05271-66450 * 347-496-5657**

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
באר"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120